# סצענע 10 ג׳

Escena 10 C

## אַ שפּאַציר אין סאָטשימילקאָ
## Un paseo en Xochimilco

| | |
|---|---|
| גיסע-ביילע - | אוי גאָלדע, איך בין אַזוי צופֿרידן ! |
| זעליג - | יאָ, יאָ, שוין אַ לאַנגע צײַט וואָס מיר זײַנען נישט געקומען דאָ אין "טשאָטשימילקע". |
| רייזל - | נישט טשאָטשימילקע זיידע... מען זאָגט "סאָטשימילקאָ". |
| גיסע-ביילע - | טוט אַ קוק קינדער... ווי שיין די אָזיערע איז ... |
| זעליג - | שיין, רויִק און ריין !!! |
| ציווקע - | די זון שײַנט און דער הימל איז אַזוי בלוי און קלאָר... |
| יאָסל - | און דאָס גראָז איז אַזוי גרין ! |
| גיטל - | אַזוי פֿיל ביימער און שיינע בלומען. איך וויל קויפֿן בלומען צו נעמען צו זיך אַהיים. |
| בערל - | קויפֿן, קויפֿן... נישט קיין נײַעס... |
| זעליג - | ווילסט טאַנצן גיסע-ביילע, ווי אין אונדזערע אַלטע גוטע צײַטן ? |
| גיסע-ביילע - | טאַנצן ? אַוודאי וויל איך טאַנצן ! |
| ציווקע - | רייזל, מאָטל, קומט אַהער. לאָמיר זיך זעצן דאָ. |
| רייזל - | דאָ איז זייער שיין, מיר געפֿעלט זייער דאָס אָרט. |
| מאָטל - | ביסט גערעכט, אַזוי פֿיל בלומען, אַזוי פֿיל ביימער... |
| ציווקע - | אַי, אַ מחייה... מממממ |